Digitales Brandenburg

hosted by Universitätsbibliothek Potsdam

Dos jidiše folk in tzifern

Leštzinski, Jankev

Berlin, 1922

תולהק עסיורג ןיא ןדיא יד ןופ היצארטנעצנאק יד .6 לטיפאק.

urn:nbn:de:kobv:517-vlib-8340

Visual Library

קאפיטל 6.

די קאנצענטראציע פון די אידן אין גרויסע קהלות.

מיר האבן ביז אהער גערעדט וועגן דער איינטיילונג פון די רוסלענדישע אידן אין פארשיידענע נאציאנאלע קאנטן און אין פארשיידענע טיפן וואוינ־ערטער: שטעט, שטעטלאך און דערפער. איצט וועלן מיר זיך אפשטעלן אויף דער אידישער באפעלקערונג אין פארשיידענע טיפן שטעט און אויף דער קאנ־צענטראציע פון די אידן אין גרעסערע קהלות.

טאבעלע XXII

פון הונדערט אידן פון די 25 גובערניעס פון תחום האבן געלעבט

אין שטעט ביז 10	טויזנט איינוואוינער	10,23
„ „ „ פון 10 ביז 50 „	„	17,64
„ „ „ 50 ביז 100 „	„	7,84
„ „ „ מיט מער פון 100 „	„	13,13
סך־הכל אין שטעט		48,84

מיר זעהען, אז דער גרעסטער פראצענט אידן לעבן אין שטעט מיט א באַפעלקערונג פון 10 ביז 50 טויזנט מענשן — אין קליינע שטעט. אין נאר גרויסע שטעט — מיט מער פון 100 טויזנט איינוואוינער — וואוינט אויך בערך א גרויסער פראצענט אידן — 13,13. אין גאר קליינע שטעט — מיט א באפעלקערונג ביז 10 טויזנט נפשות — וואוינען מער פון 10 פראצענט פון דער אידישער באפעלקערונג און אין מיטעלע שטעט — פון 50 ביז 100 טויזנט איינוואוינער — סך הכל בּיי אכט פראצענט פון אלע אידן. אין אל־געמיינעם קומט אויס, אז אין קליינע שטעט — ביז 50 טויזנט איינוואוינער — וואוינט א גרעסערער פראצענט אידן (27,87), ווי אין די גרויסע שטעט — מער פון 50 טויזנט איינוואוינער (20,97).

מיר האבן שוין פריהער אנגעוויזן, אז אין די גרויסע שטעט, הגם זיי ציהען צו גרויסע אידישע מאסן, מאכן די אידן אויס א קלענערן פראצענט לגבי דער אלגעמיינער באפעלקערונג, ווי אין די מיטעלע און קליינע. דאס דערקלערט זיך, ווי מיר האבן געזאגט העכער, מיט דעם, וואס אין די גרויסע שטעט, וואו ס'זיינען קאנצענטרירט די גרויסע פאבריקן און זאוואדן, זאמלען זיך אן גרויסע

מאסן פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. די דאזיגע לאגע ווערט גוט אילוסט־רירט פון דער טאבעלע, וואס מיר ברייננען באלד.

טאבעלע XXIII.

דער פראצענט אידן לגבי דער גאנצער באפעלקערונג אין פארשיידענע טיפּן שטעט (1897).

אין שטעט ביז 10 טויזנט איינוואוינער	44,8
„ „ פון 10 ביז 50 „ „	37,7
„ „ פון 50 ביז 100 „ „	41,9
„ „ „ מיט מער פון 100 „ „	31,8
אין אלע שטעט פון תחום	**36,9**

מיר זעהען, אז דעם גרעסטן פראצענט לגבי דער גאנצער באפעלקערונג מאכן אידן אויס אין די קלענסטע שטעט, וואס האבן סך־הכל ביז 10 טויזנט איינוואוינער — 44,8 און אין די גרעסטע שטעט — מיט מער פון 100 טויזנט איינוואוינער — מאכן די אידן אויס סך־הכל 31,8 פראצענט.

א סך אינטערעסאנטער איז די פראגע וועגן דער קאנצענטראציע פון אידן אין גרעסערע קהלות, ווייל, ווי מיר האבן שוין איינינע מאל אנגעוויזן, שפילט די נעדיכטקייט פון די אידישע מאסן אין די שטעט די הויפטראלע אינם שאפן א באדן פאר זעלבשטענדינן קולטורעלן לעבן. און אין דעם פרט האט דאס רוסלענדישע אידנטום דורכגעמאכט פארן לעצטן יארהונדערט א קאלאסאלן פראָ־גרעס. צום אנהויב פון 19־טן יארהונדערט איז ניט געווען אין גאנץ רוסלאנד (מיט פוילן) קיין איין אידישע קהלה מיט 10 טויזנט אידישע נפשות. אין 1897־טן יאר זיינען שוין געווען קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות 43, און אידן זיינען געווען אין די דאזיגע 43 קהלות מ ע ר פ ו ן א נ ד ע ר ט־ה א ל ב ן מ י ל י א ן, וואס ס׳האט אויסגעמאכט כמעט א דריטל פון אלע אידן פון תחום. נאר נאכן 97־טן יאר האט זיך די קאנצענטראציע ווייטער פאר־גרעסערט און אין 1910־טן יאר זיינען שוין געווען קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות 68, און זיי האבן קאנצענטרירט אין זיך מער פון צוויי מיליאן אידן, וואס ס׳האט אויסגעמאכט מער פון א ד ר י ט ל פ ו ן א ל ע ר ו ס־ל ע נ ד י ש ע א י ד ן.

דאס אליין איז שוין א פאקט פון גוואלדיג גרויסער וויכטיגקייט — אין

68 פונקטן זיינען צונויפנעזאמלט מער פון א דריטל פון אלע רוסלענדישע אידן. און די מלחמה און די רעוואלוציע האבן אין דעם פרט נאך פארשטארקט דעם פראצעס און ביי איצטיגן מאמענט איז נאר קיין ספק נים, אז ביז א העלפט פון אלע רוסלענדישע אידן זיינען קאנצענטרירט אין קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות אין יעדער פון זיי.

לאמיר זיך אביסל בעריכות'ער אפשטעלן אויף דער דאזיגער פראגע — אויף דער קאנצענטראציע פון די אידישע מאסן אין גרויסע קהלות און אויף דעם טעמפ פון דער דאזיגער קאנצענטראציע. נעמען מיר לכתחילה די 15 גו־בערניעס פון תחום אהן פוילן. טיילן מיר די קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות אין דריי קאטעגאריעס:

1. מיט מער פון 50 טויזנט אידן;
2. פון 25 ביז 50 טויזנט אידן;
3. פון 10 ביז 25 טויזנט אידן.

טאבעלע XXIV

דער וואוקס פון די גרעסטע אידישע קהלות אין 15 גובערניעס פון תחום אין משך פון 19־טן יארהונדערט.

(מער פון 50 טויזנט אידן)

שטעט	סוף פון 18־טן אדער אנהויב פון 19־טן יארהונדערט		מיטן פון 19־טן יארהונדערט		1897	1910
	צאל	יאר	צאל	יאר		
אדעס	246	1795	17 000	1855	138 915	(*152 364
ווילנע	(**6 918	1797	23 050	1847	63 996	72 323
יעקאטערינאסלאוו	320	1804	3 365	1857	40 009	69 012
בערדיטשעוו	1 951	1789	23 160	1847	41 617	(***55 876
ביאלאסטאק	761	1765	6 714	1847	41 905	52 123
קיעוו	207	1797	3 013	1863	31 801	50 792
סך־הכל	**10 403**		**76 302**		**358 243**	**452 490**
קישינעוו			10 509	1847	50 237	(*60 000
סך־הכל			**86 811**		**408 480**	**512 490**

*) 1904 יאר **) בערך ***) 1914 יאר

טאבעלע XXIV ווייזט אונז די צאל קהלות מיט מער פון 50 טויזנט אידן און אויך ווי אזוי די דאזיגע קהלות זיינען אויסגעוואקסן. מיר זעהען, אז אין די 15 גובערניעס פון תּחום (ליטע און ווייס־רוסלאנד, אוקראינע און בע־סאראביע) זיינען געווען נאר גרויסע אידישע קהלות — מיט מער פון 50 טויזנט אידישע נפשות — זיבן, און אין זיי זיינען געווען קאנצענטרירט אין 1910־טן יאר — 512 490 אידן. אזוי ווי אין די 15 גובערניעס איז געווען אין 1910־טן יאר בערך פון 3 700 000 ביז 3 800 000 אידן, קומט אויס, אז אין די 7 גרעסטע אידישע קהלות איז געווען קאנצענטרירט פון 12 ביז 14 פראצענט פון אלע אידן פון די דאזיגע גובערניעס. גיבן מיר צו צו די דאזיגע 7 קהלות ווארשע און לאדז און מיר וועלן באקומען, אז אין 9 קהלות האבן געוואוינט אין 1910־טן יאר קרוב צו א מיליאן אידן, ד. ה. א זעקסטל פון אלע רוסלענדישע אידן (מיט פוילן).

אינטערעסאנט איז אבער באזונדערס די טאבעלע XXIV מיט דעם, וואס זי ווייזט אונז דעם טעמפּ פון דער קאנצענטראציע פון די אידישע מאסן אין 19־טן יאר־הונדערט. וועגן זעקס קהלות (אהן קישינעוו) האבן מיר דאטן וועגן פיר פעריאדן:

1. וועגן אנהויב פון 19־טן יארהונדערט,
2. וועגן מיטן פון 19־טן יארהונדערט,
3. וועגן סוף פון 19־טן יארהונדערט,
4. וועגן אנהויב פון 20־טן יארהונדערט.

וואס זשע זעהען מיר? אין די זעקס קהלות, אין וועלכע ס'האבן געלעבט אין 1910־טן יאר 452 490 אידן, האבן צוריק מיט הונדערט יאר געלעבט סך־הכל 10403 — 43 מאל ווייניגער.

נעמען מיר אן די דאטע פון סוף פון 18־טן יארהונדערט פאר הונדערט, באקומען מיר אזא בילד פון דער אנטוויקלונג פון די זעקס קהלות (אדעס ווילנע, יעקאטערינאסלאוו, בערדיטשעוו, ביאליסטאק און קיעוו):

1. סוף פון 18־טן יארהונדערט	100
2. מיטן פון 19־טן יארהונדערט	733
3. 1897־טן יאר	3444
4. 1910־טן יאר	4350

פאר די ערשטע פופציג יאר האט זיך די באפעלקערונג פון די זעקס גרעסטע אידישע קהלות פארגרעסערט זיבן מאל; פאר הונדערט יאר האט זי זיך פאר־גרעסערט מער פון 34 מאל און פאר הונדערט מיט צען יאר מער פון 43 מאל.

באזונדערס אינטענסיוו האט זיך אנטוויקלט די אידישע באפעלקערונג אין אדעס, יעקאטערינאסלאוו און קיעוו. אין אדעס איז געווען ין 1795־טן יאר סך־הכל 246 אידן, און זיי האבן אויסגעמאכט דעמאלט ביז 10 פראצענט פון דער גאנצער באפעלקערונג, אין 1904־טן יאר האט אדעסער קהלה שוין פאר־מאגט מער פון 152 טויזנט אידישע נפשות — די פארגרעסערונג איז געווען 620 מאל; די גאנצע באפעלקערונג האט זיך פארגרעסערט פאר דערזעלבער צייט נאר 200 מאל. די אידישע באפעלקערונג איז געוואקסן אין אדעס דריי מאל אינטענסיווער, ווי די אלגעמיינע באפעלקערונג. אין 1917־טן איז שוין געווען אין אדעס 185 טויזנט אידן.

אינטענסיוו איז אויך געווען דער וואוקס פון יעקאטערינאסלאווער אידישער קהלה — פון 320 נפשות אין 1804־טן יאר ביז 69 012 אין 1910־טן און ביז 76 430 אין 1917־טן. די אידישע באפעלקערונג האט זיך פארגרעסערט אין משך פון הונדערט יאר 215 מאל. די אלגעמיינע באפעלקערונג האט זיך פארגרעסערט נאר 42—40 מאל. די אידישע באפעלקערונג האט זיך פאר־גרעסערט פינף מאל אינטענסיווער פון דער אלגעמיינער באפעלקערונג. אין במעט דאס זעלבע חורט זיך איבער אין קיעוו — פון 207 אידן אין 1797־טן ביז 50 792 אין 1910־טן — א פארגרעסערונג פון 245 מאל. ביי דער אלגעמיינער באפעלקערונג איז געווען די פארגרעסערונג נים מער פון 25 מאל. די אידישע קהלה אין קיעוו איז געוואקסן צען מאל אינטענסיווער, ווי די גאנצע באפעל־קערונג פון דער שטאט. אין 1917־טן יאר איז שוין אין קיעוו געווען מער פון 87 טויזנט אידן און אין 1919־טן מער פון 114 טויזנט אידן — פאר די לעצטע צען יאר האט זיך די קיעווער אידישע קהלה מער ווי פארדאפלט.

די אלע דריי קהלות, ווען וועלכע מיר האבן נאר וואס גערעדט, זיינען יונגע קהלות, וואס זיינען ערשט אין 19־טן יארהונדערט אדער אין סוף פון 18־טן יארהונדערט געבוירן געווארן. א סך שוואכער איז געווען דער וואוקס פון די אלטע אידישע קהלות. די ווילנער אידישע קהלה האט זיך פארגרעסערט אין משך פון 19־טן יארהונדערט סך־הכל צען מאל; די בערדיטשעווער — 28 מאל; די ביאליסטאקער — 68 מאל.

מיר גייען איבער צו דער צווייטער קאטעגאריע — צו די שטעט מיט אידישע נפשות פון 25 ביז 50 טויזנט. טאבעלע XXV גיט אונז א רשימה פון 14 אזעלכע שטעט אין די 15 גובערניעס פון תחום. אין 13 שטעט פון זיי זיינען געווען אידן:

1. אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט 30 652
2. אין מיטן „ „ „ 89 049
3. אין 1897־טן יאר 359 017
4. אין 1910־טן יאר 428 530

טאבעלע XXV

דער וואוקס פון די מיטעלע אידישע קהלות אין 15 גובערניעס פון תחום אין משך פון 19־טן יארהונדערט (פון 25 ביז 50 טויזנט אידן).

שטעט	סוף פון 18־טן אדער אנהויב פון 19־טן יארהונדערט		מיטן פון 19־טן יארהונדערט		1897	1910
	צאל	יאר	צאל	יאר		
מינסק	2 716	1802	12 976	1847	47 562	45 103
וויטעבסק	3 389	1812	9 417	1847	34 420	43 616
זשיטאמיר	1 261	1791	9 489	1847	30 748	38 427
קאוונע	(*1 508	1797	2 013	1847	25 448	37 105
בריסק דליטא	3 175	1766	8 136	1847	30 608	36 524
קרעמענטשוג	454	1801	3 745	1847	29 869	32 674
דווינסק	749	1805	2 918	1847	32 400	31 210
יעליסאוועטגראד	574	1803	8 073	1861	23 969	29 000
אומאן	1 895	1801	4 333	1747	17 945	28 267
פינסק	1 600	1801	5 050	1847	21 065	28 063
מאהילעוו גוב.	(*3 675	1801	7 897	1847	21 539	27 474
גראדנע	8 422	1816	10 300	1859	22 684	25 191 (**
באברויסק	1 234	1805	4 702	1847	20 760	25 876
סך הכל	**30 652**		**89 049**		**359 017**	**428 530**
האמעל			9 730	1864	20 385	47 505
סך הכל			**98 779**		**379 402**	**476 035**

די פארגרעסערונג איז געוועז:

1. פאר פופציג יאר 3 מאל;

*) מיטן אויעזד

**) 1896 יאר

2. פאר הונדערט יאר 12 מאל;
3. פאר 110 יאר 14.

אין דער טאבעלע XXV זעהען מיר אויך, אז די יונגע דרום־קהלות וואקסן א סך שנעלער און אינטענסיווער, ווי די אלטע ליטווישע קהלות. מינסקער אידישע קהלה האט זיך פארגרעסערט פאר דער גאנצער צייט סך־הכל 16 מאל; גראדנער נאר דריי מאל; וויטעבסקער — 12 מאל און יעליסאוועטגראדער אידישע קהלה האט זיך פארגרעסערט 50 מאל; קרעמענטשוגער — 72 מאל.

אין דער טאבעלע XXV זיינען צונויפגענומען כמעט אלע גרעסטע אידישע קהלות פון אנהויב פון 19־טן יארהונדערט, חוץ ווילנער און בערדיטשעווער, וועלכע זיינען אריין אין דער טאבעלע XXIV. און קוקן מיר דורך ביידע נאר וואס דערמאנטע טאבעלעס זעהען מיר, אז צווישן אלע אלטע אידישע קהלות זיינען געווען צוריק מיט הונדערט יאר זעהר ווייניג קהלות מיט מער פון פינף טויזנט אידישע נפשות. דורכשניטליך האבן פארמאגט די גרעסטע אידישע קהלות פון 19־טן יארהונדערט צו דריי טויזנט נפשות. נעמען מיר די קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט, וועלן מיר באקומען דורכשניטליך צו 30 טויזנט אידישע נפשות — צען מאל מער.

גייען מיר איבער צו דער דריטער קאטעגאריע — צו די קהלות מיט אידישע נפשות פון 10 ביז 25 טויזנט (טאבעלע XXVI). אזעלכע קהלות זיינען געווען אין 1910־טן יאר — 35. ווען 23 פון זיי האבן מיר ידיעות פאר העכער הונדערט יאר. אין די דאזיגע 23 קהלות זיינען געווען אידן:

1. אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט	34 000
2. „ מיטן „ „ „	97 982
3. „ 1897־טן יאר	250 438
4. „ 1910־טן „	357 387

די פארגרעסערונג איז געווען אויף אזא אופן פאר די ערשטע פופציג יאר דריי מאל און פאר דער גאנצער צייט צען מאל. אויך דא זעהען מיר, אז די יונגע דרום־קהלות וואקסן א סך אינטענסיווער, ווי די אלטע ליטווישע, רייסינער אדער וואלינער קהלות.

ראמני	האט זיך פארגרעסערט	105 מאל
פאוולאגראד	„ „ „	79 „
כערסאן	„ „ „	38 „
לוצק	„ „ „	12 „

דער וואוקס פון די קלענערע קהלות אין 15 גובערניעס פון תחום אין משך פון 19־טן יארהונדערט (פון 10 ביז 25 טויזנט אידן).

שטעט	סוף פון 18־טן אדער אנהויב פון 19־טן יארהונדערט: צאל	סוף פון 18־טן אדער אנהויב פון 19־טן יארהונדערט: יאר	מיטן פון 19־טן יארהונדערט: צאל	מיטן פון 19־טן יארהונדערט: יאר	1897	1910
לוצק	2 003	1802	5 010	1847	9 468	24 880
קאמיענעץ פאדאלסק	2 646	1799	4 629	1847	16 211	22 779
וויניצע	691	1787	3 882	1847	11 689	20 257
בעלאיא צערקאוו	3 961	1797	6 665	1847	18 720	20 000(*)
כערסאן	524	1803	3 832	1847	17 755	20 000(*)
ראוונע	2 147	1801	3 788	1847	13 780	19 791
ניקאלאַיעוו	811	1830	8 325	1880	20 109	19 657
פראסקוראוו	1 582	1797	3 107	1847	11 411	16 971
טולטשין	968	1790	7 671	1847	10 055	16 476
באלטע	1 347	1799	5 162	1847	13 235	14 924
מאהילעוו פאדאלסק	2 412	1802	5 411	1847	12 344	14 652
טשערניגאוו	1 389	1801	2 783	1847	8 805	13 954
ראמני	127	1803	759	1847	6 378	13 401
ראנאטשיאוו	888	1797	1 305	1847	5 047	13 098
טשערקאסי	1 773	1802	1 568	1847	10 950	12 979
סטאראקאנסטאנטינאוו	2 053	1802	6 661	1847	9 212	12 694
קאוועל	822	1799	2 647	1847	8 521	12 663
סלאבים	1 360	1797	5 700	1847	11 515	12 100
סלוצק	1 584	1800	5 897	1847	10 264	11 887
פאוולאגראד	147	1803	979	1847	4 382	11 647
כמעלניק	485	1787	3 137	1847	5 977	10 897
דובנע	2 800	1797	6 330	1847	7 108	10 853
ראדאמיסל	1 480	1801	2 734	1847	7 502	10 827
סך־הכל	**34 000**		**97 982**		**250 438**	**357 387**
בענדער			4 612	1861	10 654	19 937
בעלצי			3 920	1861	10 348	19 635
פאלאצק			7 225	1847	12 481	19 252
פאלאנגאיע			2 647	1847	7 910	15 257
סקווירע			2 184	1847	8 910	12 700
ניעזשעל			3 201	1847	5 836	12 333
אליעקסאנדראווסק			2 849	1857	5 290	11 976
אסטראג			7 300	1847	9 208	11 838
נאוואגראד־וואלינסק			3 139	1847	9 378	11 119
באריסאוו			2 581	1861	7 722	10 617
באר			4 442	1847	5 773	10 450
סאראקי			1 715	1847	8 783	10 281
סך־הכל			**143 797**		**352 731**	**522 782**

*) בערך

קאמענעץ־פאדאלסק האט זיך פארגרעסערט 8 מאל
סלאנים „ „ „ 8 „
דובנע „ „ „ 4 „

נעמען מיר אלע 35 קהלות פון דער דאוינער קאמענאריע, זעהען מיר אז זיי האבן געהאט אלע אין מיטן פון 19־טן יארהונדערט — 143 797 אידן און אין 1910־טן יאר — 522 782, ד. ה. כמעט פיר מאל מער.

טאבעלע XXVII

דער וואוקס פון די קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן אין פוילן.

שטעט	יאר		
	1856	1897	1908
ווארשע	41 062	219 149	277 787
לאדז	2 775	98 677	88 201
לובלין	8 588	24 280	31 721
טשענסטאכאוו	2 976	11 980	21 324
בענדין	2 440	10 839	19 540
ראדאם	1 495	11 277	16 737
סיעדליעץ	4 804	11 440	13 944
פיעטערקאוו	4 151	9 543	13 705
מאטאשאוו	1 863	9 386	12 985
סוואלקי	6 407	7 458	13 002
קאליש	4 535	7 597	11 318
פלאצק	5 251	7 721	11 906
קיעלץ	101	6 399	11 151
לאמזשע	2 574	9 244	10 853
סך־הכל	**89 022**	**444 990**	**554 174**
סאסנאוויצע		2 921	11 155
ראדאנאשטש			14 041
משיסטע			13 380
סך־הכל	**89 022**	**447 911**	**592 750**

די טאבעלע XXVII ווייזט אונז דעם וואוקס פון די אידישע קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות אין די צען גובערניעס פון פוילן פאר העכער פופציג יאר. פון דער דאזיגער טאבעלע זעהען מיר, אז אזעלכע קהלות זיינען געווען אין 1908־טן יאר 17 מיט א אידישער באפעלקערונג פון 592 750 נפשות. אין 14 פון זיי, וואס זיינען אויך צוריק מיט פופציג יאר געווען די גרעסטע אין פוילן, האבן געלעבט:

1.	אין 1856־טן	89 022
2.	„ 1897 „	444 990
3.	„ 1908 „	554 174

פאר פופציג יאר האט זיך די אידישע באפעלקערונג פון די דאזיגע גרויסע קהלות פארגרעסערט זעקס מאל, ווען בכלל האט זי זיך פארגרעסערט פאר דער צייט נאר דריי מאל. אין די 14 דערמאנטע קהלות האט געלעבט אין 1908־טן יאר א דריטל פון דער גאנצער אידישער באפעלקערונג פון פוילן און אין 1856־טן יאר האט געלעבט אין די זעלבע קהלות נאר פון א זעקסטל ביז א זיבטל פון אלע פוילישע אידן.

באזונדערס שטארק זיינען אויסגעוואקסן די אידישע קהלות אין ווארשע און אין לאדז. אין ווארשע זיינען געווען אידן:

אין	1813	8 000	12 %
„	1856	41 062	26 %
„	1871	89 318	32,6 %
„	1882	127 917	33,40 %
„	1892	163 232	33,28 %
„	1901	254 712	36,0 %
„	1908	277 787	36,90 %
„	1913	317 828	37,60 %

פאר הונדערט יאר האט זיך די אידישע קהלה אין ווארשע פארגרעסערט פערציג מאל. די אלגעמיינע באפעלקערונג האט זיך פאר דעם זעלבן יאר־הונדערט פארגרעסערט נאר ביז 12 מאל — פון 68 000 אין 1808־טן יאר אויף 845 130 אין 1913־טן יאר. און ווירקליך, דער פראצענט אידן אין ווארשע לגבי דער גאנצער באפעלקערונג האט זיך פאר דער צייט פארגרעסערט מער פון דריימאל — פון 12 פראצענט אויף 37,6. די פארגרעסערונג פון דער ווארשעווער אידישער קהלה איז אבסאלוט ניט איבערגעריסן געווארן און האט

אין משך פון גאנצן יארהונדערט פראגרעסירט. אינם רעלאטיוון וואוקס פון דער דאזיגער קהלה איז געווען א קליינינשקע ניט באדייטנדיגע הפסקה — פון 1882־טן ביז 1892־טן יאר, — ווען דער פראצענט פון דער אידישער באפעל־קערונג איז געפאלן פון 33,40 פראצענט ביז 33,28.

די אידישע קהלה אין לאדז איז אויסגעוואקסן פון 1856־טן ביז 1908־טן יאר מער פון דרייסיג מאל. די אלגעמיינע באפעלקערונג איז פאר דער זעלבער צייט אויסגעוואקסן וויינינער פון 20 מאל. אין 1856־טן יאר האבן די אידן אויסגעמאכט אין לאדז קרוב צו 12 פראצענט און אין 1908־טן יאר אריבער 20 פראצענט.

פון די קלענערע שטעט צייכנט זיך אויס מיט איר גרויסן וואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג די שטאט קעלץ, וואו פון 101 איר אין 1856־טן איז געווארן 11151 אין 1908 — א פארגרעסערונג פון 111 מאל, ווען די גאנצע באפעלקערונג האט זיך פאר דער זעלבער צייט פארגרעסערט פון 3639 אויף 31316, ד. ה. נאר פון אכט ביז ניין מאל.

טאבעלע XXVIII

דער וואוקס פון פארשיידענע טיפן אידישע קהלות אין פוילן פון 1897 ביז 1908־טן יאר.

קהלות	אבסאלוטע צאל אידן		פראצענט פון אלע אידן אין פוילן	
	1897	1908	1897	1908
ביז 1000 אידן	270 814	329 524	20,5	18,8
פון 1000 ביז 5000 אידן	495 814	520 166	37,5	30,3
פון 5 ביז 10 טויזנט אידן	167 297	282 040	12,7	16,9
מיט מער פון 10 טויזנט אידן	387 645	584 334	29,3	34,0
סך־הכל	**1 321 570**	**1 716 064**	**100,0**	**100,0**

מיר האבן ביי דער באהאנדלונג פון דעם וואוקס פון די גרעסערע אידישע קהלות אין די 15 גובערניעס פון תחום געזעהן, אז אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט האט זיך דער דאזיגער פראצעס שטארק פארגרעסערט. דאס זעלבע זעהען מיר אין די צען גובערניעס פון פוילן. טיילן מיר אלע אידישע קהלות פון פוילן אין 4 קאטעגאריעס:

1. ביז 1000 אידישע נפשות,
2. פון 1000 ביז 5 טויזנט אידישע נפשות,
3. פון 5000 ביז 10 טויזנט אידישע נפשות,
4. און מיט מער פון 10 טויזנט אידישע נפשות,

וועלן מיר באקומען א קלאר בילד, אויף וויפיל גיכער ס'וואקסן די גרויסע קהלות פון די קליינע.

דער פראצענט אידן, וואס האט געוואוינט אין די קליינע קהלות — ביז 1000 אידן און פון 1000 ביז 5 טויזנט אידן — האט זיך פארקלענערט פון 58 אויף 49,1; דער פראצענט אידן, וואס האט געוואוינט אין די גרעסערע קהלות — מיט מער פון 5 טויזנט אידן — איז אויסגעוואקסן פון 42 אויף 50,9. דער צוואוקס פון דער אידישער באפעלקערונג ביי פארשיידענע מיפן קהלות פאר די 11 יאר — פון 1897־טן ביז 1908־טן יאר — איז געווען פאלגנדיגער:

1.	ביי קהלות ביז 1000 אידן	22 %
2.	„ „ פון 1000 ביז 5 טויזנט אידן	„ 5
3.	„ „ „ 5000 ביז 10 „ „	„ 70
4.	„ „ מיט מער פון 10 „ „	„ 50

דער קלענסטער צוואוקס איז געווען ביי די קהלות מיט אידן פון 1000 ביז 5 טויזנט — 10 מאל ווייניגער, ווי ביי די גאר גרויסע קהלות, און 14 מאל ווייניגער ווי ביי די מיטעלע קהלות — מיט אידישע נפשות פון 5 ביז 10 טויזנט. דער צוואוקס אין די גאר קליינע קהלות — מיט ווייניגער פון 1000 אידן — איז געווען גרעסער, ווי ביי די קהלות מיט א צאל אידן פון 1000 ביז 5 טויזנט, נאר דאך א סך קלענער, ווי ביי די מיטעלע און ביי די גאר גרויסע קהלות.

מיר זעהען, אז אין אלע קאנטן פון רוסלאנד, וואו גיכער און וואו לאנג־זאמער, נאר אומעטום, אהן אויסנאם, גייט דער פראצעס פון קאנצענטראציע פון די אידישע מאסן אין גרעסערע קהלות. און דאס דאזיגע צונויפזאמלען זיך אין גרויסע נעדיכטע מאסן אין די גרויסע שטעט, וואס איז כאראקטעריסטיש פאר די אידן פון אלע לענדער און מלוכות און וואס האט געפינען זיין ברייטסטן אויסדרוק אין די אימיגראציע־לענדער — אט דאס דאזיגע צונויפנעמען זיך קאמפאקטע מאסן איז געווארן איינער פון די גרעסטע און טיפסטע פאקטארן פאר דער אנטוויקלונג פונם מאדערנעם אידישן לעבן.

פראגעס.

1. וואס פאר א פראצענט אידן האבן געוואוינט אין די שטעט מיט איינוואוינער: ביז 10 טויזנט? פון 10 ביז 50 טויזנט? פון 50 ביז 100 טויזנט? מיט מער פון 100 טויזנט?

2. וואס פאר א פראצענט מאכן אידן אוים לגבי דער גאנצער באפעלקערונג: אין די שטעט מיט א באפעלקערונג ביז 10 טויזנט? פון 10 ביז 50 טויזנט? פון 50 ביז 100 טויזנט? מיט מער פון 100 טויזנט?

3. וויפיל קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן זיינען געווען: אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט? אין 1897־טן? אין 1908־טן?

4. וואס פאר א פראצענט פון אלע אידן פון תחום האבן געוואוינט אין קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן: אין 1897־טן? אין 1910־טן?

5. וויפיל קהלות זיינען געווען אין 1910־טן יאר מיט מער פון 50 טויזנט אידן: אין גאנצן תחום? נאר אין ליטע, ווייס־רוסלאנד, אוקראינע און בעסאראביע?

6. וויפיל אידן און וואסער א פראצענט אידן האבן געלעבט אין קהלות מיט מער פון 50 טויזנט אידן?

7. וויפיל אידן האבן געלעבט אין זעקס פון די גרעסטע אידישע קהלות: אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט? אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט?

8. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די אידישע באפעלקערונג פון די זעקס קהלות אין משך פון הונדערט יאר?

9. וויפיל זיינען געווען אידן אין אדעס: אין 1795־טן יאר? אין 1904־טן? אין 1917־טן?

10. וויפיל אידן זיינען געווען אין יעקאטערינאסלאוו: אין 1804־טן יאר? אין 1910־טן? אין 1917־טן?

11. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די אידישע באפעלקערונג אין 19־טן יארהונדערט: אין אדעס? אין יעקאטערינאסלאוו? אין קיעוו?

12. וועלכע אידישע קהלות זיינען אינטענסיווער געוואקסן אין 19־טן יארהונדערט: די אלטע צי די יונגע?

13. וויפיל זיינען געווען אין די 15 גובערניעס פון תחום קהלות מיט אידן פון 25 ביז 50 טויזנט?

14. וויפיל האבן געוואוינט אידן אין די דאזיגע קהלות: אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט? אין מיטן פון 19־טן יארהונדערט? אין 1910־טן יאר?

15. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די אידישע באפעלקערונג פון די דאזיגע קהלות: פאר פופציג יאר? פאר הונדערט יאר?

16. ווי גרויס איז געווען א דורכשניטליכע גרויסע אידישע קהלה: אין אנהויב פון 19־טן יארהונדערט? אין אנהויב פון 20־טן יארהונדערט?

17. וויפיל זיינען געווען קהלות מיט אידן פון 10 ביז 25 טויזנט אין 1910־טן יאר?

18. וויפיל אידן זיינען געווען אין די דאזיגע קהלות?

19. ווי שטארק האט זיך פארגרעסערט די אידישע באפעלקערונג פון די דאזיגע קהלות?

20. וואסערע אידישע קהלות זיינען געוואקסן אינטענסיווער אין 19־טן יאר־הונדערט: נאר די גרויסע? די מיטעלע? די קלענערע?

21. וויפיל אידישע קהלות מיט מער פון 10 טויזנט אידן זיינען געווען אין פוילן אין 1908־טן יאר?

22. וויפיל אידן זיינען געווען אין די דאזיגע קהלות אין 1908? אין 1856־טן יאר?

23. וויפיל זיינען געווען אידן איןווארשע צוריק מיט הונדערט יאר? אין 1856? אין 1892־טן?

24. וויפיל מאל האט זיך פארגרעסערט די אידישע באפעלקערונג פון ווארשע?

25. וויפיל אידן זיינען געווען אין לאדז: אין 1856־טן? אין 1908־טן?

26. וואס פאר א פראצענט אידן וואוינט אין פוילן: אין קהלות מיט ווייניגער פון 1000 אידן? מיט אידן פון 1000 ביז 5000? פון 5 ביז 10 טויזנט? מיט מער פון 10 טויזנט אידן?

27. אין וועלכע פון די אויסגערעכנטע קהלות איז געווען: דער גרעסטער צוּוואקס? דער קלענסטער צוּוואקס?